אויף תיכף ארויסצוגעבן: 9/26/2024 גאווערנער קעטי האקול

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול

"דאס איז אן אויסערגעוועהנליכע שווערע טאג פאר ניו יארק סיטי.

איך האב מיט פארזיכטיגקייט פערזענליך איבערגעקוקט די קלאגעס ארויסגעשטעלט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אוו דשאסטיס. דער אנקלאגע איז די לעצטע אין די רייע פון אומאנגענעמע פאסירונגען וועלכע האבן, פארשטענדליכערהייט, צוגעגעבן צו אן אומבאקוועמע געפיל צווישן פיל ניו יארקער.

אונזער יוסטיץ סיסטעם איז געשטעלט אויף די יסודות'דיגע פרינציפ אז אלע פון אונז ווערן פאררעכנט ווי אומשולדיג, ביז עס ווערט אויפגעוויזן פארקערט. אבער די פון אונז וועלכע האבן זיך אויגעוועהלט א קאריערע אין עלעקטעד אפיס וויסן, אז מיר ווערן געהאלטן צו א העכערע סטאנדארט. נעמענדיג אין באטראכט די פילע אחריות וואס מיר טראגן אלס באדינער פונעם ציבור, איז דאס אינגאנצן בארעכטיגט.

ניו יארקער זענען בארעכטיגט צו וויסן אז זייער מוניסיפאלע גאווערמענט טוט ארבעטן עפעקטיוו, עטיש, און אינעם בעסטן אינטערעסע פונעם ציבור - ארפטרייבנדיג פארברעכנס, צושטעלן עדיוקעישען פאר אונזערע קינדער, און פארזיכערענדיג אז דער פשוט'ע סיטי סערוויסעס גייען ווייטער אומגעשטערט. עס איז יעצט אין די הענט פון מעיאר אדאמס'ן צו ווייזן פארן סיטי אז ער קען פירן אין דער וועג.

מיין פאקוס איז אויף באשיצן דער מענטשן פון ניו יארק און פארזיכערענדיג דער סטאביליטעיט אינעם סיטי. בשעת איך טוה איבערגיין מיינע אפציעס און אחריות'ן אלס די גאווערנאר פון ניו יארק, טוה איך ערווארטען אז די מעיאר וועט נעמען די קומענדיגע פאר טעג צו איבערטראכטן דער מצב און טרעפען דער ריכטיגע וועג פאראויס צו פארזיכערן אז די מענטשן פון ניו יארק סיטס ווערן גוט-געדינט דורך זייערע פירער. מיר מיזן געבן ניו יארקער דעם ציטרוי אז עס איז פאראהאן רעגלמעסיגע, אחריות'דיגע פירערשאפט ביי יעדער שטאפל פון רעגירונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן